בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# וואו לויפְסְטוּ

שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט, אוּן פְֿרֶעג זִיךְ אַלֵיין "וואו לוֹיפְסְטוּ", וואו ווילְסְטוּ אָנְקוּמֶען", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט זוּכְן קֵיין מַדְרֵיגוֹת, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן זִיךְ פְֿרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר הָאבְּן אַן אֶמֶת'ע זִיסֶע לֶעבְּן.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

## לֵיל שִׁשִּׁי וַיִּשְׁלַח תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב -קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# וואו לויפסטו?

## א.

## מַאךְ דִיךְ אָפּ אַ וֶועג

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטו): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם גֵיין אַ לַאנְגֶע צַייט, נִישְׁט יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג זָאל עֶר טוֹישְׁן אַ נֵייעֶם וֶועג, נָאר נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט מִיט אֵיין וֶועג אוּן עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ גֶעדַאנְק צוּ

גיין אויף אַ נייער מהלך, דעמאלטס קען ער אנהייבן גיין אויפן פרישן וועג, דער הייליגער רבי האט דאן פארציילט אז ווען ער איז געווען אַ קליין יונגעל פלעגט ער כסדר טוישן וועגן, אבער נאכדעם האט ער שוין פארשטאנען אַז מען מוז זיין זייער שטארק מיט זיך און נישט ווערן צומישט יעדע מאל מיט אַ אנדערע וועג.

## ווער נישט צומישט

דער פראבלעם געשעהט זייער אפט ווען אַ מענטש באקומט אַ הרהור תשובה, ער וויל ווערן אַן ערליכער איד און זיך פירן ווי אַ צדיק, ער מאכט ביי זיך אפ מיט אַ שטארקייט "דאס איז עס קיין שום זאך וועט מיך מער נישט קענען אראפפווארפן", דעמאלטס קומט דער סמ"ך-מ"ם אן מיט אַ נייע טריק, אַז ווען ער האט שוין אַ געוויסע געשמאקע וועג ווי אַזוי זיך צו פירן אין

לֶעבְּן, רֶעדְט עֶר אִים אָן אַז דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גוּט, עֶר זָאל טוּישְׁן צוּ אַ אַנְדֶערע וֶועג, גְלַייךְ נָאכְדֶעם רֶעדְט עֶר אִים שׁוֹין צוּ צוּ נָאךְ אַ פְרִישֶׁע וֶועג, אַזוֹי הָאלְט עֶר אִים אִין אֵיין טוּישְׁן פוּן אֵיין וֶועג צוּם אַנְדֶערן, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, אוּן עֶס וֶוערְט אִים נִמְאָס צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד (עַיֵּן לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִלַּת הַמִּנְחָה הֲלָכָה ז, אוֹת ח), אָבֶּער וֶוען אַ אִיד מַאכְט בַּיי זִיךְ אָפּ, "אִיךְ גֵיי אוֹיף אֵיין וֶועג אוּן קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען טוּישְׁן פוּן דֶעם", וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

## ב.

## כַּאפּ נִישְׁט קֵיין מַלְאָכִים

עֶס אִיז אָבֶּער דָא נָאךְ אַ פַאלְשֶׁע וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם פַארְדְרֵייט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן וֶועלְן כַּאפְּן מַלְאָכִים אוּן קוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת, זֶעהן

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא און אַזוֹי וַוייטֶער, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און הָארֶעוֶועט בִּיטֶער שְׁוֶוער נָאר כְּדֵי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת, און בַּיים סוֹף קוּמְט עֶר קֵיין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן...! און אִין הִימְל מַאכְט מֶען לֵיצָנוּת פוּן אִים: פַאר דֶעם הָארֶעוֶועסְטוּ אַזוֹיפִיל נָאר צוּ בַּאקוּמֶען מַדְרֵיגוֹת?!

## פֶערְד בְּלַייבְּן פֶערְד

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִיק און זִיךְ פַאר אִים בַּאקְלָאגְט, אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהן אִין אַ סֵפֶר אַז דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵן מִשְׁנַת חֲסִידִים, מַסֶּכֶת שְׁאֵרִית יוֹם רִאשׁוֹן, פֶּרֶק ב): אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פֶערְצִיג טֶעג אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אִךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט פֶערְצִיג טֶעג און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. הָאט אִים דֶער צַדִיק אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטַאל

און געווינזן: זעהסט די פערד רעדן שוין נישט אפאר יאר און נאך אלץ זענען זיי נישט מער ווי פערד...!

## דער באשעפער איז איבעראל דא

א מענטש איז אראפגעקומען אויף דער וועלט נאר געוואויר צו ווערן אז עס איז דא א באשעפער, און איינערקענען דעם אייבערשטן ביי יעדע איינציגע דעטאל, א מענטש דארף וועלן נאר דעם באשעפער און טרעפן דעם אייבערשטן ביי יעדע זאך, דאס דארף מען חזר'ן א גאנץ לעבן נאכאנאנד אפשר וועט געלונגען מען זאל דאס אריינעמען אין זיך, און מיט דעם הייבט דער הייליגער רבי אן זיין ספר און זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן א): א איד דארף אייביג קוקן אויפן שכל פון יעדע זאך, און וויסן אז דער באשעפער באהאלט זיך איבעראל אין יעדע זאך; אלעס וואס מיר זעען דומם צומח חי מדבר - די ערד, אלע געוויקסן,

אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶעס אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, און נָאךְ אַלֶעם אִיז אונְזֶער גַאנְצֶע עֶרְד קוּגְל (גְלָאוּבּ) נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל אַקֶעגְן אַלֶע הֶעכֶערֶע וֶועלְטְן וָואס אִיז אַלְץ פַאְרהַאנֶען, וֶוען מֶען פָארְט אַרוֹיף אוֹיפְן סְפֶּעיס זֶעהט מֶען וִוי דִי גַאנְצֶע גְלָאוּבּ אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאל וָואס שְׁוֶועבְּט אִין דִי לוּפְטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כו, ז): תּוֹלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִי מָה - דִי וֶועלְט הֶענְגְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין הַאלְט עֶס אָן. אָבֶּער הֶעכֶער דֶעם הֵייבְּט זִיךְ הֶערְשְׁט אָן דִי בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְנְס וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין קֶען צֵיילְן, און גֶעבְּט פַאר יֶעדֶע שְׁטֶערְן אַ נָאמֶען (תְּהִלִּים קמז, ד), און יֶעדֶע שְׁטֶערְן אִיז אַפָּאר הוּנְדֶערְט מָאל גְרֶעסֶער וִוי אוּנְזֶער וֶועלְט, נָאכְדֶעם דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה און דִי שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי גַאנְג פוּן דִי שְׁטֶערְנְס, און דָאס

אַלֶעס איז נאָר אַ פּינטל פון אַלע עולמות וואָס עס פאַנגט זיך אָן פון דאָרט און ווייטער וואָס מיר האָבן ניטאַמאָל קיין השגה, וואָס פון דעם קען מען זעהן די גרויסקייט פון באַשעפער, און ווען אַ בחור אָדער אַ אינגערמאַן דרייט זיך אַרום דאָ אויף די וועלט וואו עס איז פאַרהאַנען אַזויפיל מענטשן (זיבן ביליאָן) און יעדער איז פאַרנומען מיט זיינע נארישקייט, אָבער ער איז ביי זיך שטאַרק "מיר וועט גאָרנישט קענען צומישן און קיינער וועט מיר נישט קענען פאַרדרייען דעם קאָפּ... איך ווייס אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער", און כאָטשיג עס קומט אים אַרויף אַזויפיל געדאַנקן אַקעגן די אמונה דאָך איז ער זיך מחזק: ניין! איך ווייס אַז עס איז יאָ דאָ אַ באַשעפער...! דאָס איז די העכסטע מדריגה וואָס אַ מענטש דאַרף צוקומען אויף דער וועלט, און אַזאַ מענטש דאַרף שוין מער גאָרנישט, עס אינטערעסירט אים נישט קיין מדריגות, אַז דער

בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט וֶועלְן וֶועט עֶר אִים מְגַלֶּה זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן, און אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין - אִיז נִישְׁט (עַיֵּין בַּהַקְדָּמָה לְעֵץ חַיִּים), פון זַיין זַייט חַזֶר'ט עֶר שְׁטֶענְדִיג דִי אֱמוּנָה און עֶר וִויל נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, און מִיט דֶעם אִיז עֶר שְׁטַארְק, פון דָארְט און וַוייטֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

## גֵיי אוֹיף דַיין וֶועג און וִויל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לב, ב): וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים; "וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ" - יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג, און עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר זֶעהן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פון יֶעדֶע זַאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א), אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן "וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים" - עֶר הָאט גֶעזֶעהן

דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן זַיינֶע מִצְוֹת, וָואס זֵיי הָאט עֶר נָאכְדֶעם גֶעשִׁיקְט צוּ עֵשָׂיו.

## קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען

און וִויבַּאלְד יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק מִיט זַיין וֶועג צוּ טְרֶעפְן דִי שֵׂכֶל וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַארְהַאנֶען בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דֶערִיבֶּער הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען, און דָאס הָאט אִים מַצִּיל גֶעוֶוען פוּן אַלֶע מִלְחָמוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶערַאנְגֶעלְט מִיט דִי שַׂר פוּן עֵשָׂיו הָאט עֶר אִים אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לב, לב): "וַיִּזְרַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ" - פַאר יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאכְטְן דִי מֹחַ און שֵׂכֶל וִוי דֶער זוּן אִינְמִיטְן טָאג (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א).

## ג.

## אויב נישט אים אַליין כאַטש זיינע שטיצערס

ווען דער סמ״ך-מ״ם האָט געזעהן אַז יַעֲקֹב קען מען בשום אופן נישט בייקומען, האָט ער אים געגעבן אַ האַק אינעם דוכט (יֶרֶךְ), דאָס גייט אַרויף אויף אָרעמקייט, דער סמ״ך-מ״ם ברעכט אונטער אַלע ״תּוֹמְכֵי דְאוֹרַיְיתָא״, וואָס זיי ווילן שטיצן תּוֹרָה און אונטערהאַלטן די אֶמֶת׳ע ערליכע אידן וואָס לערנען תּוֹרָה, וואָס זיי זענען אַזוי ווי די פוס וואָס האַלטן אונטער די תּוֹרָה, ווייל דער תַּלְמִיד חָכָם זיצט טאַקע אין זיין פיר אַמוֹת און לערנט פלייסיג די הייליגע תּוֹרָה, און ער איז גלייך צו אַ סֵפֶר תּוֹרָה וואָס ליגט שיין אינעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, אָבער ווער טראָגט דעם סֵפֶר תּוֹרָה צום בִּימָה? ווער לייגט צוריק די סֵפֶר תּוֹרָה? דאָס זענען די בַּעֲלֵי בַּתִּים וואָס שטיצן די תּוֹרָה, זיי העלפן טראָגן די

תּוֹרָה, וַוייל אִין זֵייעֶר זְכוּת קֶענֶען דִי צַדִיקִים דִי אֶמֶת׳ע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, און וֶוען דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם וִויל אָפְּשְׁוַואכְן דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה גִיט עֶר אַ קְלַאפּ פַאר דִי תּוֹמְכִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁטִיצְן דִי תּוֹרָה (זוֹהַר וַיִשְׁלַח דַף קעא ע״א).

## ד.

## קִינְדֶער נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִיש - דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה

וִוידֶער וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין זֹהַר וַיֵּצֵא, דַּף קמח ע״ב, בְּסִתְרֵי תּוֹרָה), אַז דֶער קְלַאפּ וָואס דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם גֶעבְּט אוֹיפְן פּוּס מֵיינְט, אַז מֶען לַיידְט פוּן דִי קִינְדֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן; וָואס דָאס אִיז אַ צָרָה וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְס גְלַייכֶענְס, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיט, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס הָאט

נישט קיין געזונט קינד דאַרף מען זיך פאַר אים אויפשטעלן מלא קומתו! ווייל דער צער און יסורים פון אזא מענטש קען מען זיך נישט פארשטעלן, עס איז נישט דא קיין גרעסערע צער פון דעם, דער הייליגער גר"א זכותו יגן עלינו האט געזאגט: דער שכר וואס מען צאלט אין הימל פאר א מענטש וואס האט נישט קיין געזונטע קינדער קען מען זיך נישט פארשטעלן; עס איז אפילו נישט דא קיין שכר אפצוצאלן פאר דעם.

## "עפּעס" בין איך דאך, נישט אזוי?

פאַרוואס טאַקע באַקומט מען פאַר דעם אַזאַ גרויסע שכר?! ווייל דער עיקר שלימות אויף דער וועלט איז נאר צו אנערקענען דעם באשעפער, און אנערקענען דעם באשעפער קען מען נישט נאר ווען מען איז ביי זיך גארנישט - אבער ממש גארנישט - אזוי ווי מען עקזיסטירט בכלל נישט, און וויבאלד יעדער מענטש

שְׁפִּירְט דָאךְ אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִילַאנְג עֶר הָאט צוּבְרָאכְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, דָאךְ בְּלַייבְּט בַּיי אִים דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן גַּאֲוָה אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן זִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נב); אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם בְּרֶענְגְט (עַיֵּן דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם בְּסוֹפוֹ), אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין יוּנְגְל הָאט אִים אַמָאל זַיין זֵיידֶע דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעהַאלְטְן אוֹיפְן שׁוֹיס אוּן גֶעזָאגְט: דָא זִיצְט אַ אִיד וָואס הֶערְט תּוֹרָה נִישְׁט פוּן אַ מַלְאָךְ אוּן נִישְׁט פוּן קֵיין שָׂרָף נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אוּן עֶר הָאט מוֹרָא יֶעדֶע מִינוּט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְט! וַוייל אוֹיב עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס גְרוֹיסְקַייט אַז אִיךְ בִּין... אִיךְ בִּין... אִיךְ בִּין... פַאלְט עֶר שׁוֹין אִין תְּהוֹם אַרַיין.

## גאוות און כּבוד אפילו בּיי די לויה

אָבער פון גאוה קען מען נישט ארויסגיין, מען דארף דערויף בעטן דעם אייבערשטן ביז לעצטן מינוט, אזוי ווי דער הייליגער קאמארנער זכותו יגן עלינו בּרענגט (נתיב מצותיך, שביל התורה א, אות טו): אז די נשמה פונעם בּעל שם הקדוש איז ארויסגעגאנגען מיטן פּסוק (תהלים לו, יב): אל תבואני רגל גאוה – העלף מיר באשעפער איך זאל נישט אריינפאלן מיט א טראפּל גאוה. דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: אפילו א נפטר אז ער זאל ווען קענען וואלט ער זיך אויפגעהויבן און געקוקט וויפיל מענטשן עס זענען דא בּיי זיין לויה...! זעהט מען פון דעם אז אפילו נאכן טויט ווען מען ליגט שוין אין ארון, ברענט נאך אלץ די כּבוד און גאוות צו קוקן וויפיל מענטשן גייען מיר נאך באגלייטן. און וויבאלד א מענטש האלט זיך נאך פאר

עֶפֶּעס, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנומֶען מִיט "אִיךְ מִיךְ זִיךְ" מִיט דֶעם טְרַייבְּט מֶען אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים קֶענֶען נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען (סוֹטָה ה ע"א), בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מד, ו) אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן וּמִבַּלְעָדַי אֵין אֱלֹקִים - אִיךְ בִּין דֶער עֶרְשְׁטֶער און אִיךְ בִּין דֶער לֶעצְטֶער און אוֹיסֶער מִיר אִיז גָארְנִישְׁט דָא. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֲנִי - אִיךְ! "אֲנִי" אִיז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה פון אַ אִיד וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כב).

## "אִיךְ" אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן מֶעזְרִיטְשְׁן מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, און וֶוען דֶער מַגִּיד הָאט גֶעפְרֶעגְט: וֶוער אִיז דָארְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט:

איך! האט דער הייליגער מגיד נישט געוואלט אויפמאכן די טיר, ביז ער האט זיך גענומען וויינען און שרייען: נישט איך! נישט איך! דעמאלטס האט ער אים אויפגעמאכט די טיר, און אים פארגעהאלטן: ווי קומט אז א איד זאל זאגן איך?! איך – איז נאר דער באשעפער.

## די מתנה וואס מען באקומט ביים צדיק

דעריבער זאגט דער הייליגער רבי (לקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן עב): פון ווי ווייסט א מענטש צו ער איז מקורב צו אן אמת'ער צדיק? ווען עס פאלט ארויף אויף אים א שפלות, ער הייבט אן איינצוזעהן ווער ער איז, דאס איז די גרעסטע גדולה וואס מען באקומט פון א צדיק. ווייל אויף דער וועלט קען מען זיך זייער שטארק אפנארן, ווי דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן נא): דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר איר זאלט זיך

נִישְׁט לָאזְן נַארְן - דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ! סְפֶּעצִיעֶל אֵיינֶער וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אִים נָאךְ דַארְף עֶר גוּט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שׁוֹין סֵיירוּי נִישְׁט דָא קֵיין אִיךְ...

## אֲפִילוּ אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת אִיז מֶען דִיר מוֹחֵל

אִין דִי מִינוּט וָואס אַז מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אִיז מֶען אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אֲפִילוּ עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין הָאבְּן פַארְשְׁמִירְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זִינְקְט אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מֶען אִים מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

## פון אַזאַלֶעכֶע צָרוֹת זיךְ דֶערהַאלְטְן ? – דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ

וֶועגְן דֶעם אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער מוֹרָא׳דִיגֶע יִסוּרִים פוּן אָרֶעמְקַייט, עֶר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן פַּאר דִי גְרָאסֶעִרי אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן: טַאטִי דִי פְרִידְזשְׁדֶער אִיז לֵיידִיג ! פַארְוָואס הָאט יֶענֶער יָא אוּן אוּנְז נִישְׁט ?! דִי צַעַר דֶערפוּן אִיז דָאךְ מוֹרָא׳דִיג גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה לא, יב): אַז מֶען זָאל לֵייגְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף אֵיין זַייט וָואגְשָׁאל אוּן אָרֶעמְקַייט אוֹיף דֶער צְוֵוייטֶע זַייט וָואגְשָׁאל וֶועט דָאס אִיבֶּערְוֶועגְן. ווִידֶער זָאגְן חֲזַ״ל (עֵרוּבִין מא, ע״ב): אָרֶעמְקַייט נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעוִויסְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען לַיידְט פוּן קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִיט אַזאַלֶעכֶע צָרוֹת אוּן

יסורים דערהאלט מען זיך, דאס איז די גרעסטע חידוש, ווייל אזא מענטש איז ביי זיך אינגאנצן צובראכן און ער האט שוין נישט קיין איך, דעריבער איז ער מכיר דעם אייבערשטן וואס דאס איז די גרעסטע זאך.

## ה.

### דער ריינער אמת איז נאר דער באשעפער

צוקומען צו דעם קען מען נאר ווען מען גייט אויף איין וועג, און וואס איז דער וועג? יעדער מענטש שרייט דאך אז נאר זיין וועג איז דער אמת'ער וועג, אויב אזוי וואס איז טאקע די אמת'ע וועג?! נאר דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן נא): אמת איז נאר דא איין אמת! אויב ווילסטו זאגן דעם אמת קענסטו נאר זאגן דעם איינעם ריינעם אמת, אבער ליגענט קענסטו זאגן וויפיל ליגענטס דו ווילסט, און

וָואס איז דער אֶמֶת? נָאר דער בַּאשֶׁעפֶער! אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָה י, י): וַה׳ אֱלֹקִים אֱמֶת. דֶערִיבֶּער אוֹיבּ רֶעדְסְטוּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג דוּ גֵייסְט, אוּן וואוּ דוּ בַּאלַאנְגְסְט, זָאלְסְטוּ זַיין וָואסְפַּארַא חָסִיד דוּ בִּיסְט, וָואסְפַּארַא לִיטְוַואק דוּ בִּיסְט, אָדֶער וָואסְפַּארַא סְפַרְדִּי דוּ בִּיסְט וְכוּ׳, וִויבַּאלְד דוּ רֶעדְסְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער בִּיסְטוּ בַּיים אֱמֶת, אָבֶער אוֹיבּ רֶעדְסְטוּ פוּן אַלֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אֲפִילוּ פוּן שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן עִנְיָנִים, פוּן לוּמְדוּת אוּן הֶסְבֵּרִים, נָאר נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאסְטוּ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אוּן נִישְׁט דֶערמַאנְט קֵיין אֵיין וָוארְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס בִּיסְטוּ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת.

## קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט: אָמַר אַבַּיֵי - הָאט אַבַּיֵי גֶעזָאגְט, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים... רָבָא אָמַר - רָבָא הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים...! אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע תַּנָא אָדֶער אֲמוֹרָא וָואס וֶוערְט דֶערמַאנְט אִין חֲזַ"ל הָאט עֶר אַלְץ אַרֵיינְגֶענֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְמַאנְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי אַלֶע תַּנָּאִים וְאַמוֹרָאִים זֶענֶען מְגַלֶה וָואס עֶס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי אַרוֹיסְלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַוַודַאי נִישְׁט וֶוען מֶען לֶערְנְט, פַּארְקֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה,

נישט אומזינסט האט דער הייליגער רבי עקיבא איגר זוכה געווען צו זיין אזוי גרויס.

## נאך קיינמאל נישט געזעהן א אלטע איד איינגעבויגן?

ווי באקאנט איז ער געווען א מורא'דיגער עניו, ער האט געהאט א שטיקל הויקער און איז געגאנגען איינגעבויגן, דערציילט מען אז איינמאל איז ער געווען צו גאסט אין א שטאט זענען גאר אסאך מענטשן ארויסגעקומען אים מקבל פנים זיין, "נישט קיין קלייניקייט, דער הייליגער רבי עקיבא איגר איז געקומען אין שטאט", ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט: איך ווייס נישט וואס זיי ווילן פון מיר, זיי האבן דען נאך קיינמאל נישט געזעהן א אלטע איד איינגעבויגן?! ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן אז מען קומט ארויס פאר זיין כבוד.

## מיט אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶעהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הֵייבְּט אָן זַיין נְבוּאָה (יְחֶזְקֵאל א, א): **נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים** - עֶס הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דִי הִימְלֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן: דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן נ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֶ׳לֹקִים אִיז "אֱמוּנָה". וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה עֶפֶענְט זִיךְ פַאר אִים אַלֶע הִימְלֶען אוּן עֶר זֶעהט אָפֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס טוּהן אוּן עֶר קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין לֶעבְּן.

## נָאר מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה; רכ): אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה. נָאכְדֶעם

הָאבְּן שׁוין אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ; דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַז מֶען וִויל פוּן הִימְל שְׁטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט מֶען אִים צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אוּן עֶר אִיז שׁוין סֵיי וִוי אַ גֶעשְׁטְרָאפְטֶער. וַוייל עֶר וֶוערְט פַארְלוּירְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לב; נג): אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס, דָאךְ הַאלְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר נֶעמְט עֶס אָן פַאר כַּפָּרוֹת עֲווֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵק אַז עֶס וֶועט מִיר נָאךְ גוּט זַיין, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה הָאט עֶר זֵייעֶר אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִינְצוּטוּהן, אוּן עֶר הָאט

נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, זַיין לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוַוארְצְט און דֶערְבִּיטֶערְט, כָאטְשִׁיג מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיט קִנְאָה ווִי לְמָשָׁל עֶס פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, סְפֶּעצִיעֶל קוּקְן בָּחוּרִים אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר הַאקְט אַ לֶעבְּן, עֶר הָאט אַ צִיגַארֶעטְל, עֶר קוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ און עֶס פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, בִּשְׁעַת זַיין לֶעבְּן אִיז אִים גֶעבֶּעךְ זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל ווִילַאנְג מֶען אִיז נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר פָּגוּם בַּבְּרִית (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם כִּפּוּרִים הֲלָכָה א), דֶערִיבֶּער אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן קֵיין בָּחוּרִים, נָאכְדֶערְצוּ וֶוער עֶס פַּארְקְרִיכְט שׁוֹין מִיט שְׁמוּץ אִיז דָאךְ אִים גָאר שְׁטַארְק בִּיטֶער און פִינְסְטֶער, וַוייל דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן בּוֹרֵא כָל עוֹלָמִים אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער.

## אויב רעדט מען צום אייבערשטן האט מען זיכער אמונה

אבער אפילו ווען מען רעדט יא פונעם אייבערשטן קען מען זיך נאך אויך נארן, מען רעדט פונעם אייבערשטן און מען האלט בכלל נישט ביי דעם וואס מען רעדט, אבער די מינוט וואס מען רעדט צום אייבערשטן, מען געוואוינט זיך צו יעדע זאך אויסצורעדן צום בורא כל עולמים אויף אידיש און אויף די אייגענע שפראך, דאס ברענגט דעם מענטש צו אזא קלארע אמונה ביז ער זעהט דעם באשעפער פנים אל פנים, און ביי דעם קען מען זיך שוין נישט נארן.

## אפילו וואו עס זעהט אויס "טבע" איז אויך נאר דער אייבערשטער

און אז א מענטש געוואוינט זיך צו אז ביי יעדע זאך זעהט ער דעם באשעפער, אפילו דארט ווי עס קוקט

אויס ווי טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, און עֶס דַאכְט זִיךְ אַז עֶס הָאט אַזוֹי פַּאסִירְט וֶועגְן דָאס און דָאס, דָאךְ וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ, און פוּן דָארְט זֶעהט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים וַוייל עֶר רֶעדְט צוּ אִים יֶעדֶע זַאךְ, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען דִי וָואךְ אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לב, לא): וַיִּקְרָא יַעֲקֹב שֵׁם הַמָּקוֹם פְּנִיאֵל כִּי רָאִיתִי אֱלֹהִים פָּנִים אֶל פָּנִים וַתִּנָּצֵל נַפְשִׁי.

ו.

## דוּ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט ווִי אַסַאךְ מַלְאָכִים דוּ פַארְמָאגְסְט

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעהן גֶעטְלִיכֶע מַלְאָכִים אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים" (בְּרֵאשִׁית לב, ב), אָבֶער נִישְׁט נָאר יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְן מַלְאָכִים, יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע

איד באשאפט מלאכים פון די מצות וואס ער טוט, פון יעדע ווארט וואס א איד רעדט צום באשעפער ווערט באשאפן א מלאך ! פון יעדע לימוד וואס א איד לערנט ווערט באשאפן א מלאך ! נישט קיין חילוק צו מען זעהט זיי יא צו נישט, און די מלאכים היטן אים אפ, אזוי ווי עס ווערט געברענגט (ספר החיים לאחי המהר״ל מפראג) אז ׳גמרא׳ איז ראשי תיבות: ג׳בריאל מ׳יכאל ר׳פאל א׳וריאל; ווען א איד לערנט גמרא איז ער ממשיך אויף זיך די פיר הייליגע מלאכים וואס היטן אים אפ פון אלע שלעכטס. אזוי אויך זאגן חז״ל בפירוש (שבת דף קיט ע״ב), אז פרייטאג צונאכטס ווען א איד גייט אהיים פון שול באגלייטן אים צוויי מלאכים; באמת איז א איד שטענדיג ארומגענומען מיט מלאכים פון אלע גוטע זאכן וואס ער האט געטוהן, נאר ווען עס קומט שבת קען ער אנהייבן אביסל צו שפירן די מלאכים וואס באגלייטן אים.

## די מַלְאָכִים שְׁטֵייעֶן און וַוארְטְן אוֹיף דיר

וֶוען אַ איד זָאל דָאס טַאקֶע וויסְן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שְׁמוּעֶסְן פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, לָאזֶענְדִיג די מַלְאָכִים וַוארְטְן אִין די זַייט בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן רֶעדְן זַיינֶע נַייעֶס, שְׁטֶעל דִיךְ פָּאר צְוֵויי חָשׁוּבֶע רַבָּנִים זֶענֶען גֶעבְּן דיר וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן די אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן און אַוַודַאי נִישְׁט קֵיין נִיבּוּל פֶּה חָלִילָה וְחַס, און דָא דַארְפְן די מַלְאָכִים שְׁטֵיין און וַוארְטְן דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן רֶעדְן דַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן און אַהֵיימְגֵיין פִירְן די שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה?! פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען גֵייט מֶען גְלַייךְ אַהֵיים, אָדֶער מֶען זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים - אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְדֶעם.

## שִׁיר הַשִּׁירִים פונעם בַּעַל הַתַּנְיָא זְכותוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

ווי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכותוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים הֶערְשְׁט נָאכְן דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט עֶס גֶעזִינְגֶען מִיט אַ מורָא׳דִיגְן דְבֵיקות און הַארְצְרַייסֶענְדֶע תְנועות, יֶעדֶע פָּסוּק בַּאזונְדֶער (וְעַיֵין לִקוּטֵי תּוֹרָה עַל שִׁיר הַשִּׁירִים דְרוּשִׁים נוֹרָאִים מִמַּה שֶׁנִתְגַלָּה לוֹ אָז), עֶר הָאט אַמָאל אויסְגֶעטַייטְשְׁט מִיט אַ נִיגון אויפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): "הִנֵה זֶה עוֹמֵד" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֵייט דָא, "אַחַר" - אֵיי מִיר דַאכְט זִיךְ אַז עֶס אִיז פַארְהַאן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, "כָּתְלֵינוּ" - דָאס אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ וַואנְט צְוִוישְׁן מִיר און בַּאשֶׁעפֶער.

## שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן וָואס מֶען דַארְף

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (זֹהַר וַיֵּרָא צח ע"ב בְּמִדְרָשׁ הַנֶּעְלָם) וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט שַׁבָּת שִׁיר הַשִּׁירִים הָאט עֶר פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן. וַוייל אוֹיבּ אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַן עוֹנֶג שַׁבָּת זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שַׁבָּת דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן אוּן צוּ וֵויינֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח סְעִיף ב; וּבְטוּרֵי זָהָב שָׁם), אַ בָּחוּר אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אַ אִינְגֶערְמַאן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף נָאר, דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (בְּרָכוֹת יט ע"ב): אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי י, כב) בִּרְכַּת הַוַיָּ"ה הִיא תַּעֲשִׁיר; אַז דִי בְּרָכָה פוּן שַׁבָּת מַאכְט רַייךְ אַ מֶענְטְשׁ. שַׁבָּת קוּמֶען אַרָאפּ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַלֶעס אִיז דֶעמָאלְטְס אָפֶען אָן קֵיין פַארְשְׁטֶעלֶענִישׁ.

## מֶען לָאזְט דיך אַריין - זַיי נָאר פְרֵיילִיך

אַ מֶענְטְש קֶען זִיך נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פון שַׁבָּת קוֹדֶש, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רנד): שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי אַ רִיזִיגֶע רַייכֶע חֲתוּנָה מִיט הֶערְלִיכֶע מוּזִיק וִוי דֶער עוֹלָם אִיז אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ מֶען הֵייבְּט זִיךְ אִין דִי לוּפְטְן, און עֶמִיצֶער אִין דֶער זַייט טוּט זִיךְ אוֹיךְ אָן זַיינֶע טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר קוּמְט צוּ לוֹיפְן און עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין מִיטְהַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע שִׂמְחָה... אָבֶער מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרַיינְצוּקוּקְן אֲפִילוּ נָאר פון אַ קְלֵיינֶעם שְׁפַּאלְט; וֶוען דֶער קֶענִיג מַאכְט חֲתוּנָה לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין סַיי וֶועמֶען, אָבֶער אַז אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה לָאזְט מֶען אִים אַרַיינְקוּקְן בַּיי אַ שְׁפַּאלְט פון דִי טִיר און אַבִּיסְל הֲנָאָה הָאבְּן פון דִי גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגְקֵייטְן, הֶערְלִיכֶע מוּזִיק און טֶענְץ וְכוּ׳ וָואס אִיז דָארְט אַלְץ דָא. דִי זֶעלְבֶּע

זַאךְ שַׁבָּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידְן, דִי לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקַייט פוּן שַׁבָּת קֶען מֶען זִיךְ נִיטְאַמָאל פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער מֶען הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין, אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַלֶע אִינֶעוֵוייניִג אִינֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! אוּן וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן וָואס שַׁבָּת אִיז וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה.

## שַׁבָּת קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אַרוּם וֶועט מֶען דִיר אַלֶעס מוֹחֵל זַיין

אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז גֶעפַאלְן אַזוֹי נִידְרִיג אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ אוֹיב הִיט עֶר שַׁבָּת אִיז מֶען אִים אוֹיךְ מוֹחֵל (שַׁבָּת קיח ע"ב). "שַׁבָּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען אִיז אַלֶעס מוֹחֵל פַארְן מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר זָאל הָאבְּן אָפְּגֶעטוּהן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת אִין דִי וֶועלְט", אוּן וָואס מֵיינְט הִיטְן שַׁבָּת?

אַזוֹי ווי אַ שׁוֹמֵר וָואס הִיט און גֶעבּט אַכְטוּנְג אויף עֶפֶּעס, אַזוֹי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַגַאנְץ שַׁבָּת זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער און אַוַודַאי נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר זַיין אוֹיפְּגֶעלֵייגְט און פְרֵיילִיךְ.

## עֶרֶב שַׁבָּת זָאל זַיין אַ רוּאִיגֶע און פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער

קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם און מַאכְט זִיכֶער אַז עֶרֶב שַׁבָּת זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן און שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע לְחִידָ"א סִימָן קמ; וְעַיֵּין גִּטִּין דַּף נב ע"א) אַזוֹי אַרוּם אִיז מֶען שַׁבָּת בְּרוֹגֶז און דִי וַוייבּ בְּלָאזְט וְכוּ', און עֶס וֶוערְט צוּשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה און לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס דַארְף זַיין שַׁבָּת (עַיֵּן שַׁעַר הַפְּסוּקִים פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא לְהָאֲרִיזַ"ל, וְשָׁמְרוּ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אֶ'ת הַ'שַּׁבָּת רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בִּיאָ"ה, כִּי אָז עִקַּר זְמַן

הַזיווּג) אָבֶער וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט וֶוען אַבִּיסְל שֵׂכֶל וָואלְט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אַ הַאנְט אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף זַיין וַוייבּ: פַארְוָואס אִיז נָאכְנִישְׁט פֶּערְטִיג דִי אַרְבֶּעט? פַארְוָואס אִיז נָאכְנִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶען דִי הוֹיז? זָאל עֶר זֵיי מוֹחֵל צוּ לֵייגְן אַ הַאנְט אוּן זֶעהְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, וָואלְט דֶער גַאנְצֶער פְרַייטָאג אוֹיסְגֶעקוּקְט אַנְדֶערְשׁ אוּן שַׁבָּת וָואלְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט רוּאִיגְקֵייט, בִּכְלַל אִיז כְּדַאי אָנְצוּגְרֵייטְן אַלֶעס אוֹיף שַׁבָּת וָואס פְרִיעֶר [בִּפְרַט אַז אֵיינֶער הָאט שׁוֹין עֶלְטֶערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט], אוּן נָאךְ פַארְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית זָאל מֶען שׁוֹין דֶעקְן טִישׁ, "אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זֶעהט מֶען שׁוֹין פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי דִי טִישְׁטוּךְ אוֹיפְן טִישׁ, דִי לֶעכְט צוּגֶעגְרֵייט, דִי פְלָאהר אוֹיפְגֶעוַואשְׁן", אַזוֹי קוּמְט אַרַיין דֶער שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן רוּאִיגְקֵייט, אוּן אַגַאנְץ שַׁבָּת אִיז מֶען נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט.

## די נייע עצה פון צייטונגען

דער סמ״ך-מ״ם וויל אָבער דאָך מען זאָל נישט שפּירן די זיסקייט פון שבּת איז ער אויפגעקומען מיט אַ נייע עצה, ער מאַכט זיכער אַז אַלע צייטונגען קומען אַרויס פאַר שבּת אַזוי אַז גאַנץ שבּת זאָל מען אָנבּרענגען די הייליגע צייט מיט אויסליינען די דיקע צייטונג, פאַרשטייט זיך אַז כּדי אַריינצונאַרן מענטשן זיי זאָלן וועלן נעמען אַ צייטונג אין די הענט לייגט מען אַריין מעשׂיות פון צדיקים, און אַזוי איז ער נאָכדעם פאַרנומען אַגאַנץ שבּת מיט די נאַרישע צייטונגען רחמנא לצלן, בּשעת שבּת איז די בעסטע צייט צו זיין פרייליך און זיך צוקלעבּן צום אייבערשטן, חז״ל זאָגן (שבּת קיג): שבּת טוט מען נישט קיין וואָכעדיגע זאַכן און מען רעדט נישט קיין וואָכעדיגע זאַכן, שבּת איז אַלעס אַנדערש פון דערוואָכן; ווייל שבּת איז נאָר דער

אײבּערשטער, אָבער הַלְוַואי זָאלְן מִיר דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין שַבָּת.

## יֶעדֶע שַבָּת אַ שִׂמְחָה פַאר זִיךְ

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְל מִוִויטֶעבְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז בַּיי אִים אִיז יֶעדֶע שַבָּת גֶעוֶוען אַ נֵייעֶ שַבָּת, עֶר הָאט גֶעפִירְט דֶעם שַבָּת מִיט אַזַא פְּרִישְקַייט און מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דִי עֶרְשְטֶע מָאל און דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַבָּת, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְצֵיילְט מֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז שַבָּת אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן מִיט אַזַא שִׂמְחָה און מִיט אַזאלֶעכֶע טֶענְץ אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַ קָאפּ הֶעכֶער, און וִוי מֶען זֶעהט אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "סִידוּרוֹ שֶל שַבָּת" וָואסְפַארַא לֶעכְטִיגְקֵייט עֶס אִיז פַארְהַאן שַבָּת, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק ב, סִימָן ב), אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי שִׂמְחָה און לֶעכְטִיגְקֵייט פון שַׁבָּת און עֶס אָנְצִיעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ; וֶועגְן דֶעם מַאכְט מֶען מְלַוֶה מַלְכָּה מַמְשִׁיךְ זַיין דִי קְדוּשָׁה פון שַׁבָּת אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ.

## ז.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דַיין תְּפִלִּין

וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וְגוֹ׳ (בְּרֵאשִׁית לב, ב); יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג און מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת, דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פון אַ אִיד, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט צוּפִיל נָאר עֶר אִיז מְקַיֵים יֶעדֶע מִצְוָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן לֵייגְן תְּפִלִּין לֵייגְט עֶר תְּפִלִּין, כָאטְשִׁיג עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיז תְּפִלִּין און וָואס אִיז דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר שְׁטֵייט (עַיֵּין דַף ט ע״א) אַז פַאר רְשָׁעִים אִיז דִי רְצוּעוֹת פון

תְּפִלִּין אַזוֹי ווי שְׁטְרִיק וָואס מֶען בִּינְדְט אַרוּם; וַוייל דֶער בַּעַל דָבָר צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ און זָאגְט אִים: וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז דו וֶועסְט לֵייגְן תְּפִלִּין? דַיין תְּפִלִּין איז סֵייוְוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק און זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן מַאכְן פון אִים, נָאר בִּתְמִימוּת זִיךְ אַרוּמְבִּינְדְן די הַאנְט און די קָאפּ מִיט תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג אָן קֵיין חָכְמוֹת און סְבָרוֹת, אֲפִילוּ דו שְׁפִּירְסְט אַז דו לֵייגְסְט נִישְׁט מֶער פון שְׁטְרִיק... שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ-מֶ"ם, דו טוּה וָואס דו הָאסְט צוּ טוּהן און לֵייג יֶעדֶע טָאג תְּפִלִּין.

## נִישְׁט מַיין גָאלְדֶענֶע הֶענְט און מַיין מֶעכְטִיגְן קָאפּ

וָואס שְׁטֵייט אִין די תְּפִלִּין? אִין תְּפִלִּין שֶׁל יַד שְׁטֵייט: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הַוַיָ"ה אֶחָד, אִין די שֶׁל רֹאשׁ שְׁטֵייט אוֹיךְ: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד; צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף

דֶער וֶועלְט וָואס עֶר טוּט אַלֶעס, אַמָאל רֶעדְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין "אִיךְ הָאבּ גָאלְדֶענֶע הֶענְט", "אִיךְ הָאבּ אַ גָאלְדֶענֶע קָאפּ", וֶועגְן דֶעם פַּארְדִין אִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, אוּן דִי שְׁכִינָה וֵויינְט (חֲגִיגָה דַּף טו ע"ב): קָלַנִי מֵרֹאשִׁי קָלַנִי מִזְרוֹעִי – דוּ פַּארְשֶׁעמְסְט מִיךְ וֶוען דוּ זָאגְסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּן מַיין גוּטְן קָאפּ אוּן פוּן מַיין גֶעלוּנְגֶענֶע הֶענְט; דֶערִיבֶּער לֵייגְט מֶען תְּפִלִּין אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיף דִי קָאפּ צוּ וַוייזְן אַז נִישְׁט דַיין הֶענְט אוּן נִישְׁט דַיין קָאפּ פַּארְדִינְט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אַלֶעס.

## דֶער פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער...

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער הָאט גֶע'פֶּגֶר'ט! פַארְוָואס רֶעדְט אִיר אַזוֹי – פְרֶעגְט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים? דֶערְצֵיילְט עֶר אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פֶערְד אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה אוּן יֶעצְט

הָאט עֶס גֶע׳פֵּגֶר׳ט. שְׁרֵייט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים אָן מִיט וַוייטָאג: דִי פֶערְד אִיז דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער?! דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער...!

## קִישׁ דִי מְזוּזָה

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט יֶעדֶער אִיד אַ מְזוּזָה, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶר גֵייט דוּרְךְ דִי טִיר גִיט עֶר אַ קִישׁ דִי מְזוּזָה, אוּן עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְזוּזָה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד! אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט.

## גוּטֶע סָאלְדַאטְן צוּ הִילְף פַּאר דַיין מִלְחָמָה

דִי אַלֶע זַאכְן קוּקְן אֶפְשָׁר אוֹיס וִוי גָאר פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶער אוֹיבּ חַזֶר׳ט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען זוּכְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם שְׁפִּירְן יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען אִיז

מְקַיֵים אַ מִצְוָה ווי עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, און חָלִילָה וְחַס אַז מֶען טוט נִישְׁט ווי מֶען דַארְף וֶוערְן דורְכְדֶעם בַּאשַׁאפְן הִינְקֶעדִיגֶע און בְּלִינְדֶע מַלְאָכִים, דֶערִיבֶּער גֶעבְּט מֶען שׁוֹין אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פֶּעלֶערְהַאפְטִיגֶע מַלְאָכִים, נָאר מֶען זָאל הָאבְּן גַּאנְצֶע מַלְאָכִים וָואס זָאלְן שְׁטֵיין צוּ הִילְף, און פוּן דִי מַלְאָכִים הָאט יַעֲקֹב גֶענוּמֶען זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן עֵשָׂיו (עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים, מַחֲנָיִ״ם נוֹטְרֵיקֹן מֵ׳אוֹתָן חַ׳יָּילִים נָ׳טַל יַ׳עֲקֹב מַ׳לְאָכִים).

ח.

## לָאז דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם

אַקֶעגְן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען עֵשָׂיו וָואס פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס עֲמָלֵק וָואס זַיין גַּאנְצֶע אַרְבֶּעט אִיז נָאר אָפְּצוּקִילְן אַ מֶענְטְשׁ און אִים צוּבְּרֶעכְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר קוּמְט צוּ אַ בָּחוּר פַארְשְׁטֶעלְט אִין אַ מֶענְטְשׁ און צוּבְּרֶעכְט אִים אִינְגַאנְצְן: דוּ בִּיסְט

גָארְנִישְׁט וֶוערְד! אָבֶּער אִיךְ לֶערְן דָאךְ מִשְׁנַיוֹת? נֵיין דוּ זָאגְסְט סְתַּם דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט! אַזוֹי צוּבְּרֶעכְט עֶר אִים גוּט גוּט, אֵיי דֶער יֶענִיגֶער זָאגְט דָאךְ אֲפִילוּ אוֹיךְ נִישְׁט...! עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם. וֶועט עֶר דִיר זָאגְן: עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם, מֶען דַארְף מְגַלֶה זַיין וֶוער עֶר אִיז...! בִּשְׁעַת דָאס זֶענֶען מִצְוֹת פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם, דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיךְ מִיט מִצְוֹת (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א; לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, רִבִּית, הֲלָכָה ד), עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם אוֹיסְצוּרַייסְן, עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם צוּ הַרְגְ׳נֶען, מֶען דַארְף יֶענֶעם אַרוֹיסְיָאגְן אוּן אַרוֹיסְוַוארְפְן, אִים אוֹיס׳רוֹדֵפְ׳ן עַד לְחָרְמָה, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס זֶענֶען מִצְוֹת פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם, פוּן אַזֶעלֶעכֶע מִצְוֹת דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אוּן מְבַזֶה זַיין אַ אִיד בְּרַבִּים,

סְפֶּעצִיעֶל אֵיינֶער וָואס פִּירְט אַן עֵדָה אִידְן?! שְׁטֵיי בֶּעסֶער וַוייט פוּן אַזֶעלֶעכֶע מִצְוֹת...

## זָאג - מִיט דִיר אַלֵיין בִּיסְטוּ שוֹין פֶּערְטִיג?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו) אַז אַמָאל אִיז דָא אַן הַסְתָּרָה בְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, אַ מֶענְטְש אִיז שוֹין אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אַז עֶר אִיז וַוייט, עֶר שְׁפִּירְט אַז אִים פֶּעלְט גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז שוֹין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אִינְאָרְדֶענוּנְג, אוּן עֶר הָאט שוֹין נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע דַאגוֹת נָאר צוּ פַארְרֶעכְטְן אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְטְס אִיז שוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל עֶר טוּט נִיטְאַמָאל תְּשׁוּבָה, עֶר קֶרֶעכְטְן נִיטְאַמָאל אוֹיף זַיין נִידְרִיגֶע מַצָב, מֶען דַארְף אָבֶּער גוּט גֶעדֶענְקְן "אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אִיז פָּגוּם", אוּן מֶען דַארְף פוּן אִים אַנְטְלוֹיפְן.

## בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיין בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים

אָבֶער צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם, קֶען מֶען נָאר אַז מֶען הָאט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוֹיסֶער דֶעם מוּז מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן בְּרַבִּים מִיר הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר "מְשִׁיבַת נָפֶשׁ" דָאס הָאט מִיר מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ סֵדֶר צוּ עֶנְדִיגְן אִין אַ וָואךְ, אַזוֹי

הָאבּ איךְ גֶעעֶנְדִיגְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָואךְ שִׂיחוֹת הָרַ"ן און חַיֵי מוֹהֲרַ"ן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז מִיר נָאךְ דַאן אַלְץ יוּנְג בָּחוּר גֶעוֶוען צוּ שְׁוֶוער) און אַז מֶען חַזֶר'ט אַזַאך אַזוֹיפִיל וָואכְן און אַזוֹיפִיל יָארְן נָאכְאַנַאנְד אַוַודַאי בְּלַייבְּט דָאס אִין קָאפּ, און וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן: דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט... נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט...!

## דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי און דָאס טוּט מֶען

לְמָשָׁל וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׂיחָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֶעהֵייסְן זָאגְן אַכְצְן (חַ"י) פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, הָאבּ אִיךְ בַּיי מִיר גֶעטְרַאכְט: פַארְוָואס זָאל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן? און אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דִי קָאפּ און דָאס אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ

טוהן כָאטְש דָאס אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען שְׁטַארְק אַז זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין אִיךְ מוּז יֶעדְן טָאג עֶנְדִיגְן ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִיט אַ חָכְמָה אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אוּן דָאס בַּאוִויזְן, אוּן אַז מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת גֶעבְּט דָאס חֵשֶׁק אוֹיף נָאךְ לִמּוּדִים, מֶען הֵייבְּט אוֹיךְ אָן לֶערְנֶען חוּמָשׁ וַוייל מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, נָאכְדֶעם זֶעהט מֶען אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא, אַזוֹי זֶעהט מֶען אֵיין שִׂיחָה נָאכְן אַנְדֶערְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, סְפֶּעצִיעֶל דִי עִקַּר עֵצָה פוּן "תְּפִלָּה", וָואס אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (בַּהַקְדָּמָה שֶׁל לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת): דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז פוּל מִיט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי

עֵצוֹת אַלֵיין מוז מֶען אַסאַך אַסאַך בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## דָאס אִיז מַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען

אֵיינְמָאל אִיך הָאבּ שׁוֹין מְקַיֵים גֶעוֶועְן דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואכְן חֲדָשִׁים און יָארְן, הָאט מִיר שׁוֹין קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּרֶעדְן אָדֶער פַּארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, אַז נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט, אָדֶער דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט גוּט פְּשַׁט וְכוּ', עֶר הָאט בַּיי מִיר גֶעהַאט אַ פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס שֶׁעפְּט לוּפְט און עֶר אִיז זִיךְ מַמֶשׁ מְחַיֶה, און אַ צְוֵוייטֶער קוּמְט און זָאגְט: פַּארְמַאךְ דַיין מוֹיל און נָאז וַוייל דוּ שֶׁעפְּסְט סַם... פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר רֶעדְט וִוי אַ שׁוֹטֶה, וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶר פָאלְגְט דִי עֵצוֹת וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, און עֶר רֶעדְט אַסאַךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין

נישט פון קיינעם וואס קומט אים צוברעכן אדער פארדרייען דעם קאפ, ער איז ביי זיך שטארק "מיר וועט מען נישט אוועקנעמען פון באשעפער ווייל איך רעד שטענדיג צום באשעפער"! און ווילאנג א מענטש פארציילט יעדע זאך נאר פארן אייבערשטן האלט ער ביים גרעסטן אמת, ווייל נאר דער באשעפער איז אמת.

## ט.

## זיי שטארק! געב נישט אויף

אוודאי דארף מען אויף תפלה האבן מורא'דיג אסאך חיזוק, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות דף לב ע"ב): אז א מענטש זעהט אז ער האט מתפלל געווען און ער איז נישט געהאלפן געווארן זאל ער נישט מיד ווערן און אויפגעבן נאר בעטן נאכאמאל און נאכאמאל ביז ער וועט געהאלפן ווערן; אבער אז א מענטש איז שטארק מיט תפלה לעבט ער דורך זיינע זיבעציג אכציג יאר

מיט אַ חיות און געשמאַק, נישט אַז אַ ערליכער איד האָט נישט קיין צרות, נאָר ער האָט וואו צו אַנטלויפן מיט זיינע צרות, ער רעדט שטענדיג צום באַשעפער וואָס דאָס ראַטעוועט אים פון אַלעם שלעכטס, ער באַשאַפט זיך אָן אַ שיעור מלאָכים פון אַלע ווערטער וואָס ער רעדט צום באַשעפער, און דאָס באַגלייט אים ביזן לעצטן מינוט, און זיי היטן אים אָפּ פון עשׂיו, פון לבן, און פון אַלע וואָס ווילן אים אַוועקרייסן פון אייבערשטן.

## געלערנט השגחה פונעם קאָוונער טרעגער

דער גרויסער צדיק און בעל מוסר רבי יצחק בלאַזער פון פּעטערבורג זכותו יגן עלינו האָט אַמאָל געזאָגט: ערליכקייט און השגחה האָב איך זיך געלערנט פונעם קאָוונער טרעגער! האָט ער דערציילט אַז אין קאָוונע איז געווען אַ באַן סטאַנציע, זענען

דאָרט געוועזן אַסאַך טרעגערס וואָס פּלעגן שלעפּן די פּעקלעך און רענצלעך פון די באַן סטאַנציע ביז צום אַדרעסס וואו דער מענטש האָט געדאַרפט אָנקומען, און פון דעם האָבן זיי געהאַט פּרנסה, אַלע טרעגערס פון קאָוונע זענען שוין אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס, אַז גלייך צופרי ווען דער באַן קומט אָן זאָל מען זיין גרייט, און ווי דער שטייגער איז האָט זיך יעדער געשטופּט צו כאַפּן מער קאָסטומערס, ווער רעדט נאָך אפשר ווען מיר געלונגען צו כאַפּן אַ רייכער מענטש ווען ער מיר אויך צוגעבן אַ שיינע טיפּ...

## מיין געלט כאַפּט קיינער נישט אויס

צווישן זיי איז אויך געווען אַ ערליכער תמימות׳דיגער איד אַ טרעגער, וואָס ער האָט זיך גאַרנישט אַזוי געיאָגט צום באַן סטאַנציע, קודם איז ער געגאַנגען דאַווענען מיטן ערשטן מנין, נאָכן דאַווענען

האָט ער געלערנט עין יעקב, נאָכדעם האָט ער געזאָגט תּהלים, דערנאָך האָט ער זיך געוואַשן פּת שחרית, געגעסן און געבענטשט, הערשט דעמאָלטס איז ער אַרויס רואיגערהייט מיט אַ וואָגן צום טרעין סטעשאָן, אַלע טרעגערס האָבן געלאַכט פון אים: וואו גייסטו דו בטלן איינער? יעדער איז שוין לאַנג אַוועק פון סטאַנציע, און דער צווייטער באַן קומט הערשט אָן שפּעט נאָכמיטאָג אָדער ביינאַכט?! אָבער דער באַשעפער האָט אים יעדן טאָג צוגעשיקט עטליכע מענטשן וואָס זיי האָבן נאָך געוואָלט מען זאָל זיי צוטראָגן דעם רענצל ערגעץ וואו, און ער האָט געהאַט שיין פּרנסה.

## האָסט געזינדיגט? דערצייל עס פאַרן באַשעפער

אַז אַ מענטש לעבט מיט השגחה פּרטיות אַז אַלעס קומט נאָר פון בורא כל עולמים, ספּעציעל אַז מען

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער גֵייט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, וַוייל אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט דֶערְצֵיילְט מֶען דָאס פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען זָאגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעקוּקְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, גֶעטְרַאכְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן אַזוֹי פַארְצֵיילְט מֶען יֶעדֶע זַאךְ אוֹיס פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהן.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַ זִיכֶערֶע וֶועג צוּ וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד

ווִי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ צַדִיקִים פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַיי'לֶע קְרֶעמְנִיצֶער [אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכְלֶ'ע זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען

מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס
וִוי בַּאקַאנְט הָאט עֶר פוּן אִים אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ
תּוֹרוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט אִים
זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן "מַיין נָתָן'לֶע",
אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן אֵיין נַאכְט מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי
זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי נָאךְ
אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט אַזוֹי
אָפְן פוּן תְּפִלָּה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן הָאט
אַמָאל גֶעזָאגְט: פוּן יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס הָאט זִיךְ
גֶעמַאכְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נָאכְדֶעם
אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט
רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם
הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה
(תקס"ג), הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בַּיי דִי תּוֹרָה,
עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צוּבְּרָאכְן, אוֹיסֶערְדֶעם הָאט
עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּרִיק אַהֵיימְצוּגֵיין צוּ זַיין וַוייבּ, זִי

װעט אים פָארְהַאלְטְן פַּארְוָואס עֶר הָאט אִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וכו׳, הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא בַּיים רֶבִּי׳ן. אִין אֵיינֶע פוּן דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה טֶעג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן מִיט רֶבִּי נָתָן, אוּן אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן הַאנְט אוֹיפְן אַקְסְל אוּן אַזוֹי גֶעזָאגְט: ״אוּן װייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חַבֵר״. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ווִי נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי װֶערְטֶער הָאבּ אִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט װֶעל אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער קֶענֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר אוֹיף מִיר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין װֶעל אִיךְ דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

## אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם

אַ אִיד וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף עֶר שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; אַווַדַאי אַז מֶען קֶען הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוֹיסְרֶעדְן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד אוּן אִים מְחַזֵק זַיין אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם, אָבֶער מֶער פוּן דֶעם גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן פוּן אַנְדֶערֶע, וִוי גוּט אוּן וִוי זִיס אִיז אַזַא לֶעבְּן, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט אוּנְז גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל




יעדן וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250